בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

שופטים

ו' אלול תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:31 |
| מוצש"ק | 7:43 |
| ר"ת | 8:23 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:39 | סוז"ת א' 9:59 |
| סוזק"ש ב' 9:24 | סוז"ת ב' 10:29 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קמ"ט

שנה ג'


### טיב הפרשה

# די השפעה וואס די סביבה האט אויף א מענטש

## ולא ימס את לבב אחיו כלבבו

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר איבער ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען דער גיין אין קריג ביים כלל ישראל. די תוה"ק דערציילט אז איידער כלל ישראל האט ארויסגעשיקט אירע מיליטערלייט צום שלאכט, האבן זיך אוועקגעשטעלט די שוטרים פון כלל ישראל און אויסגערופן אז ווער עס איז נאך אין די ערשטע יאר פון זיין חתונה זאל אהיימגיין, און אויך אז ווער עס איז א ירא ורך הלבב זאל פארלאזן די מיליטער.

אויף די ווערטער 'ירא ורך הלבב' ברענגט רש"י אראפ די ווערטער פון חז"ל וואס עס מיינט א 'ירא ורך הלבב'.

אין די גמרא איז דא א מחלוקת אויף די פשט פון די ווערטער. חז"ל ברענגען אראפ צוויי דיעות אויף דעם. איין הסבר איז דער הסבר פון רבי עקיבא אז מען רעדט כפשוטו. מען רעדט פון איינער וואס איז פון נאטור אויס א פחדן און קען נישט צוזען קיין שלאכטן און קיין קאמפן, און ווי רש"י דרוקט זיך אויס בלשונו: רבי עקיבא אומר כמשמעו, שאינו יכול לעמוד בקשרי המלחמה ולראות חרב שלופה.

דער צווייטער מהלך איז דער מהלך פון רבי יוסי הגלילי, אז מ'מיינט נישט כפשוטו אז איינער וואס האט מורא פון קריגעריי, נאר מען רעדט פון איינער וואס האט מורא אז ער איז א בעל עבירה און אז די עבירות וועלן אים שאדן טון ביי די שלאכטן און צוברענגען אז ער זאל שטארבן ביי די מלחמה.

לכאורה איז שווער וואס לייגט רבי יוסי הגלילי צו מיט'ן זאגן אז דער פחד איז וועגן עבירות? מען זעט דאך דא מיט א קלארקייט אז די סיבה פארוואס מען שיקט אוועק א איד פון מיליטער איז דער פחד וואס דער איד האט, און די השפעה וואס זיין פחד האט אויף אלע ארומיגע אידן ביי די מלחמה, ווי דער פסוק זאגט 'ולא ימס את לבב אחיו'.

אויב דער פחד איז דער זאך וואס איז גורם אז מען זאל פארשיקן דעם איד פון די שלאכטפעלד, וואס איז דען א חילוק וועלכער זאך איז דער גורם צו די פחד?

>>> | המשך אין עמוד ב' |

### טיב המערכת

## אַתֶּם קְרֵבִים הַיּוֹם לַמִּלְחָמָה

די גמרא דערציילט איבערן גרויסן קעניג אלכסנדר מוקדון, אז די כותים זענען געקומען און האבן אים איינגערעדט אז ער זאל חרוב מאכן דער בית המקדש, און ער איז ארויפגעקומען קיין ירושלים כדי עס חרוב צו מאכן. איז אים שמעון הצדיק אנטקעגן געגאנגען, וואס ער איז געווען דער כהן גדול, און ווען אלכסנדר מוקדון האט געזען שמעון הצדיק, איז ער אראפגעגאנגען פון זיין וואגן און זיך געבוקט צו אים. האט מען אים געפרעגט: אזא חשוב'ער קעניג ווי דיר, זאל זיך בוקן פאר אט דעם זקן? האט ער זיי געענטפערט: וואס זאל איך טון, אז זיין געשטאלט גייט פאר מיר ביי אלע מיינע מלחמות און אין זיין זכות טו איך זיגן. און זעלבסטפארשטענדליך, אז נאכדעם וואס ער האט געזען שמעון הצדיק, איז נישט נאר וואס ער האט נישט חרוב געמאכט דעם בית המקדש, נאר ער האט אויך באשטראפט און גע'הרג'עט די כותים וועלכע האבן אים צוגערעדט דערצו.

עס שטייט אין די פרשה פון די וואך, 'כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה.. וְנִגַּשׁ הַכֹּהֵן וְדִבֶּר אֶל הָעָם. שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אַתֶּם קְרֵבִים הַיּוֹם לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֵיכֶם', איז רש"י הקדוש מפרש לויט ווי עס ווערט ערקלערט אין די הייליגע גמרא: 'שְׁמַע יִשְׂרָאֵל – אֲפִילּוּ אֵין בָּכֶם זְכוּת אֶלָּא קְרִיאַת שְׁמַע בִּלְבַד, כְּדַאי אַתֶּם שֶׁיּוֹשִׁיעַ אֶתְכֶם'. עס איז באוואוסט וואס די דוֹרְשֵׁי רְשׁוּמוֹת האבן גע'דרש'נט אז אין יעדן ארט וואו עס ווערט דערמאנט אין די תורה 'מלחמה', איז דאס מרמז אויף די מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר, און אויב דורכאויס דעם גאנצן יאר געפינען מיר זיך אין א שטענדיגע מלחמה מיטן יצר, איז דאך עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה אין די אלול טעג וואס דעמאלטס איז די מלחמה נאך שווערער ווי א גאנץ יאר (ענדליך צו די מעשה וואס איז דא געברענגט געווארן פאריגע וואך אין 'טיב המעשיות' איבער 'רבי ירוחם ממיר' זצ"ל, וועלכער האט גע'דרש'נט דאס וואס די הייליגע חז"ל האבן געזאגט 'כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנּוּ', איבער די אלול טעג, וואס וויבאלד זיי זענען גרעסער און מער דערהויבן ווי אלע אנדערע טעג פונעם יאר, איז די מלחמת היצר נאך שטארקער אין זיי).

שטייענדיג יעצט אין אנהייב פון די יְמֵי הָרַחֲמִים וְהַסְּלִיחוֹת, ווען מיר פראבירן צו מערן מיט זְכֻיּוֹת, וועלנדיג זיגן אין די מלחמה און צו זוכה זיין בדין, איז פאסיג און כדאי זיך צו שטארקן אין קְרִיאַת שְׁמַע בִּזְמַנָּהּ וּכְהִלְכָתָהּ, אינדערפרי און אין אוונט, האלטנדיג פאר די אויגן די הייליגע ווערטער פון רש"י, אז 'אֲפִילּוּ אֵין בָּכֶם זְכוּת אֶלָּא קְרִיאַת שְׁמַע בִּלְבַד, כְּדַאי אַתֶּם שֶׁיּוֹשִׁיעַ אֶתְכֶם', און דאס איז דאך ממש אזוי ווי די מעשה וואס מיר האבן פריער געברענגט פון שמעון הצדיק, אז דאס איז די געשטאלט וואס גייט פאראויס פאר אונז און זיגט אונזער קאמף, און אין זכות פון די מצוה פון קריאת שמע כהלכתה וועלן מיר באזיגן אונזער פיינט, דער יצר הרע, און מיר וועלן פארשריבן ווערן און פארזיגלט ווערן לְשָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה.

(עפ"י שיחה פרשת שופטים תש"ע)


טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320


יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

>>> | טיב הפרשה | המשך פון עמוד א׳ |

נאר איך האב געטראכט אז עס קען זיין אז דא מערקט די תוה״ק אָן א שטארקער געדאנק. אין די וועלט איז מצוי אז עס איז דא עטליכע ערליי פחדנים. עס איז דא אזעלכע מענטשן וואס מעצם טבעם זענען זיי פחדנים און זיי האבן מורא פאר יעדער זאך, און דאגעגן איז דא מענטשן וואס פון נאטור אויס זענען זיי קלענערע פחדנים.

ווען כ׳לערן ווען נאר ווי רבי עקיבא, וואלט איך געקענט זאגן אז נאר אויב איינער איז פון נאטור אויס א פחדן דארף מען אים פארשיקן פון די מיליטער - ווייל אזא סארט פחד איז אנשטעקיג, אבער וואס וועט זיין ווען מען רעדט פון א מענטש וואס איז נאטורליך נישט קיין פחדן, אבער דא איז אנדערש - ער האט מורא פון זיינע עבירות.

איך וואלט געקענט מיינען אז אזא סארט פחד האט דער פסוק נישט געמיינט. עס גייט נישט אריין אין כלל. אויסצושליסן אויך אזא סארט פחד פון עבירות, לאזט רבי יוסי הגלילי הערן אז נישט נאר איינער וואס האט פחד פון די מלחמה זאל מען פארשיקן פון די שלאכט, נאר אויך אזא איינער וואס זיין פחד נעמט זיך פון זיינע עבירות זאל מען פארשיקן, ווייל אויך אזא פחד איז אנשטעקיג.

די סיבה דערצו - פארוואס איינער וואס האט מורא פון עבירות - דארף מען פארשיקן - נעמט זיך פון דעם ווייל אפילו אז די אנדערע זענען ריין פון יעדע עבירה - דאך האב איך מורא אז דורכדעם וואס זיי וועלן זיך דרייען אין די סביבה פון א איד וואס האט עובר געווען אויף עבירות - וועלן זיי ווערן נאכגעשלעפט נאך אים און ער וועט האבן אויף זיי א השפעה לרעה.

א בעסערע הבנה אויף די חשש קען מען האבן פון א מעשה וואס מען דערציילט אויף דער צדיק רבי דוד׳ל בידרמאן פון ירושלים עיה״ק.

דער צדיק פלעגט האבן א מקום קבוע אין איינס פון די שולן אין ירושלים עיה״ק. נאך א שטיק צייט דאווענען דארט, האט זיך געמאכט אז אין איינער פון די ווינקלען אין שול האבן זיך צוזאמענגענומען א חבורה פון פראסטע חברה און אנגעהויבן רעדן ביים דאווענען.

זייער התנהגות האט זייער שטארק פארדראסן פאר׳ן צדיק. טראכטנדיג וואס ער קען טון עס אפצושטעלן, האט ער זיך מיישב געווען אז ער וועט אראפגיין זיצן צווישן זיי.

אז די פראסטע וועלן זען אז דער רבי זיצט צווישן זיי וועט זיי נישט פאסן צו רעדן און עס וועט זיין שטיל אין שול. דער צדיק האט אזוי געטון און זיך געזעצט צווישן זיי. די זאך האט זייער שטארק געווירקט אויף די ארומיגע און עס איז געווארן שטיל אין שול.

די מתפללים זענענדיג אז עס איז שטיל אין שול זענען געווען זיכער אז דער צדיק וועט בלייבן זיצן דארט, אבער צו זייער וואונדער האט דער לעלובער רבי עס מער נישט געטון, זאגנדיג אז די סיבה דערצו איז אז ער האט מורא אז איינמאל ער וועט אנהייבן זיצן דארט - וועט ער ווערן נאכגעשלעפט נאך זיי.

די מעשה לערנט אונז אויס דער גרויסער כח וואס זיין אין די סביבה פון א צווייטן האט אין זיך, אז אפילו אויב מען האט א גוטע כוונה דערביי און מען רעדט פון א גרויסער צדיק, דאך דארף יעדער זיין פארזיכטיג ווייל מען קען קיינמאל נישט וויסן און גענוג אפשאצן דער כח פון א סביבה און איר איינפלוס אויפ׳ן מענטש.

די בחינה זעט מען סיי אויף אזא וועג און אויך ווען עס רעדט זיך פון א מידה טובה, אז מען געפינט זיך אין א גוטע סביבה, ווי שטארק עס איז משפיע אויפ׳ן מענטש און טוישט אים, אויב האט ער גוטע חברים און ער איז ארומגענומען מיט גוטע אידן, אז דאס ווירקט אויפ׳ן מענטש און איז גורם ער זאל שטייגן מעלה מעלה אין עבודת ה׳.

זאל הקב״ה געבן אז מען זאל אייביג קענען זיין ארומגענומען מיט גוטע אידן און שטייגן מעלה מעלה אין עבודת ה׳.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# תפילה - דער בעסטער דאקטאר

ווען מיין קינד האט געכאפט א קליינע זעץ אויף זיין פוס, און נאך דעם וואס מיר האבן אים גענומען אויף אן אונטערזוכונג האבן די דאקטוירים באשטימט אז ער מוז אריבערגיין אן אפעראציע.

דערהאלטנדיג די אנאליז, זענען מיר אריבער אין שפיטאל און זיך געוואנדן צו די ערמעדזשענסי אפטיילונג און מען האט אנגעהויבן מיט׳ן אהערשטעלן פאר מיין קינד וואס מען דארף.

עס רעדט זיך פון א קליין קינד. איך און מיין ווייב זענען געווען זייער צוטראגן און אומרואיג. מיר האבן געוואלט דאס בעסטע פאר מיין קינד, און אויס מורא אז א געווענליכער דאקטאר וועט נישט אהערשטעלן א גוטער ארבעט האט מיין ווייב פראבירט צו בעטן א בעסערע דאקטאר.

אין שפיטאל קען מען זיך נישט אויסוועלן וועלכער דאקטאר מען וויל, אבער אז מען לייגט אראפ גרויסע געלטער קען מען זיך אויסוועלן וועלכער דאקטאר מען וויל. מיר האבן געטראכט צו נעמען א פריוואטער דאקטאר, אבער הערנדיג מיט וועלכע סומעס עס איז פארבינדן האבן מיר זיך מייאש געווען.

מיר האבן זיך מייאש געווען פון צאלן אזא סומע, אבער נישט פון קיין רחמי שמים. מיר האבן זיך געשטעלט מתפלל זיין צום בורא כל העולמים און געבעטן אז ער זאל אונז צושטעלן א גוטער דאקטאר.

עס איז אנגעקומען די צייט פון די אפעראציע. אלעס איז שוין געווען גרייט. א רגע איידער מיר זענען אריין צו די אפעראציע איז דער דאקטאר ארויסגעקומען זיך באגריסן און פאַרצושטעלן אז ער גייט דורכפירן די אפעראציע.

זאגנדיג זיין נאמען איז מיין ווייב געווען שאקירט.

״דאס איז דאך דער דאקטאר ביי וועמען איך האב געוואלט גיין פריוואט״, האט מיין ווייב געזאגט.

אן ענליכע געשיכטע האט פאסירט מיט מיר עטליכע יאר פריער.

עס איז געווען ווען מיין ווייב האט געדארפט אריבערגיין א שווערע און א קאמפליצירטע געזונטהייט איבערגאנג. אויך דעמאלטס האבן מיר פראבירט צו נעמען א גוטער דאקטאר אבער מיר האבן זיך נישט געקענט ערלויבן, מיר האבן אבער מתפלל געווען צו דעם רופא כל חי.

א טאג דערויף, נאך די אפעראציע, איז מען געקומען באזוכן ביי מיין ווייב און זיך נאכגעפרעגט ביי איר וואס זי מאכט. די באציהונג איז געווען פריינטליכער און צוגעלאזענער ווי אייביג. מיר האבן נישט געקענט פארשטיין וואס האט צוגעברענגט אז מיר זאלן באקומען אזא גוטע באציהונג.

שפעטער זענען מיר געוואויר געווארן אז מען רעדט פון איינס פון די גרעסטע דאקטוירים אין לאנד. אויסדרוקנדיג וואונדער אז מיר זענען זוכה צו אזא באהאנדלונג האט זיך ארויסגעשטעלט אז אין די זעלבע צייט איז אין שפיטאל געווען נאך א פרוי וואס איז אריבער אן ענליכע אפעראציע און זי איז געווען א פארמעגליכע און זי האט באשטעלט דעם דאקטאר, און אז ער איז שוין געווען דארט האט ער אויך געמאכט די אפעראציע.

מען האט געזען בחוש ווי אזוי מיט תפילה קען מען אנקומען זייער ווייט - אויך אָן וואס מען האט איבריגע געלט און מען קען זיך ערלויבן צו דינגען אַן עקסטערע דאקטאר.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: נ.ב.ה.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר׳ שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

# די עבודה פון די אלו"ל טעג - ב'

♦♦♦

אינעם ספה"ק בני יששכר (מאמרי חודש אלול מאמר א' סק"ה) ווערט געברענגט אין נאמען פון זיין קרוב, הרה"ק דער רבי ר' אלעזר זצוק"ל, זון פון הרה"ק דער רבי ר' אלימלך זי"ע, בעל 'נועם אלימלך' מליז'ענסק, וועלכער האט גע'דרש'נט אויפן פסוק (ירמי' לא, יב): "אָז תִּשְׂמַח בְּתוּלָה בְּמָחוֹל, וּבַחֻרִים וּזְקֵנִים יַחְדָּו וגו'". זאגט ער אז 'בְּתוּלָה' – איז מרמז אויף חודש אלו"ל וואס דער מזל דערפון איז בתולה, וועט זי זיך פרייען אין דעם חודש 'בְּמָחוֹל' – ווען דער אויבערשטער וועט מוחל זיין די עבירות פון אידישע קינדער.

און דער בני יששכר געבט צו, און איז מפרש לפי דרכו דער אויספיר פונעם פסוק: "וּבַחֻרִים וּזְקֵנִים יַחְדָּו", 'זְקֵנִים' – דאס זענען די וועלכע זענען געווען צדיקים פון אנהייב, 'בחורים' – דאס זענען די בעלי תשובה, וועלכע זענען ווי א בְּרִיָּה חֲדָשָׁה ווי גלייך זיי זענען געבוירן געווארן פונדאסניי, און אלע צוזאמען וועלן זיין 'יַחְדָּו' – אינאיינעם, דאס הייסט אז אויך די בעלי תשובה וועלן האבן די מדריגה ווי די צדיקים וועלכע האבן קיינמאל נישט טועם געווען טַעַם חֵטְא, אזוי שרייבט דער הייליגער בני יששכר, זע דארט.

***

די פאלגנדע וואונדערליכע מעשה ווערט געברענגט אין נאמען פונעם הייליגן בן איש חי זצוק"ל, אז איינמאל איז געווען א געלונגענער גנב וועלכער האט זיך פארגלוסט צו גנב'נען פונעם קעניגליכן שאצקאמער [אוצר המלוכה]. ער האט זיך ארייגעכאפט אינעם שטח פונעם קעניגליכן פאלאץ שפעט ביינאכט, און אריינגעגראבן אינעווייניג אין די פינסטערניש פונעם נאכט, ער האט אבער גארנישט געטראפן דארט, וויבאלד ער האט שפעטער געזען אז דער לאך וואס ער האט געמאכט איז נאר געווען אינעם קארידאר וואס איז פארן אוצר, אבער נישט אינעם אוצר אליין. און נאך איידער עס איז געווארן ליכטיג, האט זיך דער גנב שנעל ארויסגעכאפט פון דארט מיט ליידיגע הענט.

אינעם זעלבן נאכט, זייער שפעט ביינאכט, האט נאך א גנב פראבירט זיך אריינצוכאפן אינעם אוצר המלך. אויך ער האט אריינגעגראבן א לאך, וועלכער האט צו זיין גוטן מזל צוגעטראפן פונקט דארט וואו עס האט זיך געפינען דער קאסע וואו עס ליגן די אוצרות המלוכה. ער האט זיך גלייך גענומען אנפולן זיינע קעשענעס מיט גאלד און זילבער, וויפיל ער האט נאר געקענט טראגן. אבער נאכן ארויסגיין פונעם אוצר המלך, האט ער אנגעהויבן צו טראכטן אין הארץ אז ער האט נישט גוט געטון, ווייל וויאזוי קען ער צונעמען פונעם אוצר המלך, ירום הודו, וועלכער טוט שטענדיג אזויפיל גוטס מיט אלע זיינע אונטערטאנען, און אויך אז אויב מען וועט אים כאפן וועט ער שטרענג באשטראפט ווערן. דעריבער האט ער זיך גלייך צוריקגעקערט, און נאכן אלעס צוריקלייגן אויפן פלאץ, איז ער ארויסגעגאנגען פון דארט אן גארנישט צו נעמען.

אויפצומארגנס אינדערפרי, ווען די קעניגליכע פאליציאנטן זענען אנגעקומען צום אוצר, האבן זיי באמערקט די צוויי אויסגעגראבענע לעכער אינעם וואנט, אבער צו זייער גרויס שטוינונג האבן זיי געזען אז עס פעלט גארנישט פונעם קעניגליכן אוצר.

די פאליציי האט זיך זייער אנגעשטרענגט ארויפצוגיין אויף די שפורן פון די גנבים, און ווירקליך נאך פילע דרישות וחקירות איז זיי דאס געלונגען, און די צוויי פארברעכער זענען געכאפט געווארן און געברענגט געווארן צום משפט. דער ערשטער גנב האט זיך מודה געווען אינעם שולד, ערקלערנדיג אז ער האט טאקע פראבירט צו גנב'נען, אבער וויבאלד ער האט נישט געפינען דעם אוצר, איז ער געווען געצוואונגען ארויסצוגיין און זיך צוריקקערן מיט ליידיגע הענט אזוי ווי ער איז געקומען. – האט דער קעניג באפוילן אז מען זאל אים גלייך אריינווארפן אונטער שלאס און ריגל.

דערנאך איז צוגעגאנגען דער צווייטער גנב און האט געזאגט: אדוני המלך, איך וועל זיך נישט צוריקהאלטן פון מודה זיין אז איך האב טאקע אריינגעגראבן אינעם אוצר פונעם קעניג, כדי צו נעמען פון דארט ווערדפולע שטיינער און בריליאנטן. אין אנהייב האב איך טאקע געוואלט טון אזוי ווי איך האב געטראכט, אבער גלייך האט מיר מיין הארץ אנגעהויבן צו קווענקלען, שפירנדיג א יראת הכבוד פארן קעניג, און איך האב אנגעהויבן צו פילן צער נישט וועלנדיג חלילה טון עפעס וואס דער קעניג קען האבן צער דערפון, און דעריבער האב איך צוריקגעלייגט דאס וואס איך האב גענומען! – ווען דער קעניג האט געהערט זיינע ווערטער, האט ער אים אהיימגעשיקט לשלום, און האט אים אויך געשאָנקען שיינע מתנות פאר זיין גוטע און ערליכע פירונג וואס האט פארראכטן זיינע מעשים.

פון דא קענען מיר ארויסלערנען אויף די עבודה פון די אלו"ל טעג, ווען דער איד טוט תשובה צוליב זיין ליבשאפט צום אויבערשטן, און האט גרויס צער טראכטנדיג וויפיל צער ער האט חלילה גורם געווען פארן אויבערשטן דורך זיינע שלעכטע מעשים, דעמאלטס טוט אים דער אויבערשטער שענקען הערליכע געשאנקען, און זיינע זדונות ווערן פארוואנדלט אין זכויות. אנדערש איז אבער אויב די תשובה איז נאר פון פארכט און שרעק, דעמאלטס באקומט ער טאקע נישט זיין שטראף פאר די עבירות וואס ער האט געטון, אבער ער באקומט נישט די מתנות!

***

א דבר פלא האב איך געפינען אינעם ספה"ק "לחם עוני" (דף שנ"א), אז אין די שטאט 'דינוב', וואו דער הייליגער 'בני יששכר' זי"ע איז געווען דער רב, און אין אלע דערפלעך פונעם געגנט, האט מען זיך געפירט צו זאגן סליחות אנגעהויבן פון ראש חודש אלול. – טראצדעם וואס אום שולחן ערוך אורח חיים (סי' תקפ"א ס"א) זעט מען אז דער הייליגער רמ"א האלט אז מען זאגט נישט סליחות פון ראש חודש. אזוי ווי עס איז דער לשון דארט אין שולחן ערוך: "נוֹהֲגִים לָקוּם בְּאַשְׁמֹרֶת לוֹמַר סְלִיחוֹת וְתַחֲנוּנִים מֵרֹאשׁ חֹדֶשׁ אֱלוּל וְאֵילָךְ עַד יוֹם הַכִּפּוּרִים". און דער הייליגער רמ"א איז מַגִּיהַּ: "וּמִנְהַג בְּנֵי אַשְׁכְּנַז אֵינוֹ כֵּן וכו'". – פונדעסטוועגן האט מען זיך אין דינוב נישט געפירט אזוי, וויבאלד דער הייליגער בני יששכר האט איינגעפירט אז מען זאל אנהייבן צו זאגן סליחות פון ראש חודש, און מען פלעגט זאגן אזוי ווי דעם סדר וואס מען זאגט אינעם וואך פאר ראש השנה, און ווען מען האט געענדיגט האט מען אנגעהויבן נאכאמאל פונדאסניי, און אזוי האבן זיך געפירט א גרויסן חלק פון די מענטשן פונעם שטאט [אזוי איז באוואוסט אז דער הייליגער רמ"א דרוקט זיך דא אויס מיט די ווערטער: "וּמִנְהַג בְּנֵי אַשְׁכְּנַז אֵינוֹ כֵּן", וואס דאס איז נישט אזא געוועגליכער לשון. נאר דער פשט איז, אז דער רמ"א רעדט זיך אפ, וועלנדיג זאגן אז עס איז א שאד אז דער מנהג איז נישט אזוי...].

אבער הרה"ק רבי דוד'ל דינובער זצוק"ל, בעל ה'צמח דוד', און הרה"ק רבי אלעזר לאנצהוטער זצוק"ל, האבן זיך נישט אזוי געפירט. פונדעסטוועגן איז יא געבליבן א מנין אין איינס פון די ארומיגע דערפלעך, וועלכער האט פאָרגעזעצט מיטן פריערדיגן מנהג פונעם הייליגן בני יששכר, יא זאגנדיג סליחות פון ראש חודש אלול, און אט דער מנין האט עקזיסטירט ביזן צווייטן וועלט מלחמה.

אזוי איז אויך באוואוסט דאס וואס די צדיקים האבן געזאגט, אז מען דארף אכט לייגן אז דער רמ"א איז נאר חולק אויפן מנהג צו 'זאגן סליחות' אנגעהויבן פון ראש חודש אלול, אבער אויפן מנהג 'אויפצושטיין פארטאגס' איז ער נישט חולק... און ווירקליך האבן זיך ישראל קדושים אין אלע הייליגע קהילות געפירט אויפצושטיין פארטאגס צו עוסק זיין אין תורה און אין עבודת השי"ת.

און כ"ק אדמו"ר בעל ה'שפע חיים' מקלויזנבורג זצוק"ל פלעגט ערקלערן, אז דאס וואס דער מנהג בני אשכנז איז געווען אז מען האט נישט געזאגט סליחות דורכן גאנצן חודש, דאס איז געווען וויבאלד מען האט מער חשוב געהאלטן די צייט פון פארטאגס אויף צו לערנען תורה, און נאר איניגע טעג איידער ראש השנה האט מען געזאגט סליחות. אבער דער עיקר איז אויפצושטיין פארטאגס און עוסק זיין אין די הייליגע תורה, און דאס איז די פאסיגע הכנה, בבחינת 'בְּחָכְמָה פּוֹתֵחַ שְׁעָרִים', דאס הייסט אז אין זכות פון די חכמת התורה איז מעגליך צו עפענען די שערי שמים פאר אונזערע תפילות.

***

איינמאל איז געווען א מעשה מיט א גרויסער ווייץ סוחר וועלכער איז אנגעקומען צו א ריזיגער יריד מיטברענגענדיג מיט זיך א גרויסן קוואנטום פון ווייץ, און אנקומענדיג האט ער אויסגעפינען צו זיין גרויס איבערראשונג אז ער איז דער איינציגסטער וועלכער האט ווייץ צו פארקויפן. ער איז געווארן זייער גליקליך, און וויבאלד ער איז געווען דער איינציגסטער סוחר האט ער אויפגעהויבן דער פרייז גאר הויך, און דעריבער איז קיינער נישט געקומען קויפן ביי אים, וויבאלד יעדער האט געווארט און געהאפט אז עס וועט אנקומען נאך ווייץ דורך אנדערע סוחרים, און

| המשך אין עמוד ד' |>

דעמאלטס וועט די פרייז מוזן אראפגיין.

דערווייל איז דורכגעגאנגען א טאג נאך א טאג, ביז עס איז שוין כמעט דורכגעגאנגען א גאנצע וואך, און עס איז נאכנישט אנגעקומען קיין שום אנדער ווייץ צו דער יריד, און דער איינציגסטער סוחר וואס האט פארמאגט ווייץ האט זיך נאך אלץ געהאלטן ביי די טייערע פרייז. דורכאויס די גאנצע פינף טעג, איז ער נישט גרייט געווען זיך דורכצוקומען בשום אופן מיט די קונים וועלכע האבן זיך געבעטן ביי אים אז ער זאל אביסל נאכלאזן פונעם הויכן פרייז.

פלוצלונג איז אינעם זעקסטן טאג אנגעקומען א גרויסע גרופע סוחרים מיט א ריזיגע קוואנטום ווייץ, און ווי פארשטענדליך איז גלייך אראפגעגאנגען די פרייז פון די ווייץ, און אונזער באקאנטער סוחר האט געמוזט פארקויפן זיין גאנצע סחורה פאר א נישטיגע פרייז, דערביי האט ער פארלוירן דעם וואונדערליכן געלעגנהייט צו גרינג רייך ווערן, אויב וואלט ער פארקויפט זיין סחורה א טאג פריער.

דער סוחר האט זייער חרטה געהאט אויף זיין פירונג, אויף אזוי ווייט אז פאר לאנגע יארן איז ער נישט געווען אימשטאנד צו האנדלען מיט ווייץ, וויבאלד בלויז די ווארט 'ווייץ' איז גענוג געווען אים צו דערמאנען דעם ביטערן זכרון פון זיין שרעקליכע דורכפאל!...

אזוי איז אויך מיטן ענין פון תשובה אום חודש אלו"ל, אז עס איז געוואונטשן אז מען זאל אויסנוצן אט די מסוגל'דיגע און געהויבענע טעג פאר תשובה ומעשים טובים, כדי מען זאל זיך שפעטער נישט געפינען ווי מען וויטאגט פארן דערלייגן דעם וואונדערליכן געלעגנהייט וואס איז אנגעקומען צו אים.

***

עס ווערט דערציילט אויפן הייליגן 'חידושי הרי"ם' פון גור זצוק"ל, אז איינמאל האט ער געפרעגט א חסיד וועלכער איז פארדעכנט געווען צווישן די תלמידים פון אן אנדער צדיק, איבער די דרשה וואס ער האט געהערט פון זיין רבי'ן איידער די תקיעות.

האט דער חסיד דערציילט, אז זיין רבי האט זיי נאר געלאזט הערן דעם פאלגנדן משל:

אין א שטעטל האט געוואוינט א גרויסן עושר, וועלכער האט פארמאגט א גרויסן וויין-קעלער, פון וועלכער ער האט ברייט געצויגן פרנסה, און האט שטארק געשעצט תורה. אין די טעג פון חול המועד האט זיך דער רב פונעם שטעטל מטריח געווען, און איז געקומען באזוכןביים עושר אינדערהיים, אלץ שעצונג צו די צדקה וחסד טעטיגקייטן פונעם עושר אינעם שטעטל. ווי פארשטענדליך איז דער עושר זייער באגייסטערט געווארן זעענדיג ווי דער רב האט זיך מטריח געווען אים צו באזוכן, און האט גלייך געבעטן זיין באדינער אז ער זאל אראפגיין אין קעלער און ברענגען די בעסטע וויין וואס ליגט דארט באהאלטן, און דערביי האט ער אויסגע'משל'ט פארן משרת פונקטליך וואו עס ליגט דעם טייערן פעסל, וועלכער איז שטארק אפגעהיטן.

א לאנגע צייט איז דורכגעגאנגען, און דער משרת איז נאכנישט צוריקגעקומען מיט די וויין. האט זיך דער עושר ענטשולדיגט פארן רב און אין אליין אראפגעגאנגען אין קעלער צו זען וואס עס איז געשען מיטן באדינער.

נאך שטייענדיג ביים אנהייב פון די טרעפ וועלכע פירן אראפ צום קעלער, האט א שטארקער גערוך פון וויין געקלאפט אין זיינע נאזלעכער, וועלכער האט זיך געשטארקט אלץ מער און מער ווי נאר ער האט זיך דערנענטערט צום קעלער. אנקומענדיג אונטן אין קעלער, איז אים שווארץ געווארן פאר די אויגן – מערסטנס פון די פעסער זענען געווען אפן, פון וועלכע די וויין האט פריי גערינען, און דער גאנצער קעלער איז פול געווען מיט צובראכענע פלעשער פון וועלכע עס האט זיך געגאסן וויין. נאך אביסל וועט זיין גאנצן פארמעגן גיין צוגרונד! ווי פארשטענדליך האט ער גלייך פארמאכט די קראנען, און דערווייל האט ער געזוכט דער באדינער ווען ער האט אהערגעשיקט. עס האט אים נישט געדויערט לאנג צו געפינען דער משרת וועלכער האט זיך געוואלגערט אין ברעכעכץ, נאכן זיך אנטרינקען פון א גוטן פלאש וויין וועלכער ער האט נאך געהאלטן צווישן זיינע פינגער.




האט דער עושר זיך גענומען שרייען אויפן משרת: וואס האסטו געטון? וויאזוי האסטו מיר געקענט מאכן אזא געפערליכער שאדן?

און דער באדינער, אנשטאט צו ענטפערן, איז נישט נאר וואס ער האט נישט באהאלטן זיין קאפ פון בושה, נאר זייענדיג אזוי שיכור, האט ער געעפנט זיין מויל מיט חוצפה, און זיך גענומען שרייען צו זיין האר: איך פאדער אז מען זאל מיר צאלן א העכערן געהאלט!

אזוי זעט אויס דער מענטש אום ראש השנה. די גאנצע יאר זינדיגט ער צו זיין הנה און צוברעכט יעדן גוטן זאך, און דורך זיינע זינד איז ער גורם חורבנות בעליונים ובתחתונים, און מאכט גרויס צער פאר די הייליגע שכינה, וואס פון איר האט ער זיך אזוי שטארק דערווייטערט. און ווען עס קומט ראש השנה, איז נישט גענוג אז ער שעמט זיך נישט צו באווייזן זיין פנים, טוט ער זיך נאך חוצפה'נען און בעטן א 'העכערונג אין געהאלט' – מער פרנסה, מער נחת, מער געזונט...

ווען מיר וועלן זיך מתבונן זיין אינעם עומק הנמשל, וועלן מיר זען אז מען זעט אויס פונקט אזוי ווי יענער משרת, וועלכער איז בלויז א שליח וויבאלד די פעסער וויין באלאנגען איבערהויפט נישט צו אים, און נישט נאר וואס ער האט מועל געווען אין זיין שליחות און עס נישט אויסגעפירט געהעריג, האט ער נאך אויך קאליע געמאכט דעם פארמעגן פונעם בעל הבית. – אזוי אויך אונז, וואס דער אויבערשטער האלט אונז ביים לעבן אין יעדן רגע און מיר זענען נישט בכח צו טון קיין שום זאך אן אים, און אלעס וואס מענטש טוען אויף דער וועלט איז נאר כדי אויסצופירן דעם ווילן פונעם באשעפער, און דער מענטש איז נאר א צינור דורך וועלכער דער אויבערשטער איז משפיע דאס גוטס אויף דער וועלט, און אויב דער מענטש זינדיגט טוט ער צוברעכן און חרוב מאכן די צינורות, און ער רייסט אפ דער שפע פון דער וועלט. אויב אזוי, וויאזוי וואגט ער זיך נאך צו בעטן בקשות פון לעבן, פרנסה, קינדער א.א.וו.

ווי איז צו די בושה! ווי איז צו די שאנד! מיר בעטן דאך 'כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים כֵּן תְּרַחֵם ה' עָלֵינוּ', וואלטן מיר דען געוואלט אז אונזערע קינדער זאלן זיך פירן צו אונז אזוי ווי מיר פירן זיך צו הקב"ה?! האבן מיר דען נחת פון אזא זון, וואס פאר יעדע קליינע פעולה וואס ער טוט – בעט ער א באצאלונג?!


די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173